וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת תצוה - שושן פורים, ט"ו אדר תשפ"א
שנה ב' גליון ס"ו

**זמנים**
(Liberty)
הדלקת הנרות.......................5:27
מוצאי שבת..............................6:59

## א מעשה פון תפלה

### העניך אינדיג

איך האב געדארפט גיין צו א שטאטישע אפיס ערלעדיגן א וויכטיגע זאך, איך בין אנגעקומען פאר די צייט פון מיין אפוינטמענט, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן מיר אריינלאזן אפילו ס'איז נאכנישט מיין צייט אריינצוגיין, למעשה האבן זיי מיר נישט געוואלט אריינלאזן, איך האב ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן מיר אריינלאזן, איך בין נאכאמאל צוריקגעגאנגען אבער זיי האבן מיר נישט געוואלט אריינלאזן, נאך אפאר מינוט שטיין דארט עפענען זיי אויף די טיר און זיי פרעגן מיר פאר א אידי קארד, איך האב זיי געוויזן מיין קארד און זיי זאגן מיר "קום אריין", שכח אייבערשטער!

### יצחק אהרן וויינבערג

א) צוויי יאר וואס איך בעט דעם אייבערשטן איך זאל קענען ארויסגיין פון מיינע חובות, שכח אייבערשטער פאר'ן צוהערן מיינע תפילות, איך האב מיך ברוך השם ארויסדערזעהן פון אלע מיינע חובות.

ב) אזוויי ס'איז דא שווערע וועטערס די לעצטערע וואכן פון אייז און שניי, קען פאסירן אין אזעלכע פעלער אז די לעקטער זאל זיך אפהאקן פון די אייז וואס לייגט זיך אן אויף די ווייערס, אזוויי ס'האט פאסירט אין אנדערע פלעצער, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל נישט זיין אין שטעטל קיין קורצשליס, שכח אייבערשטער ס'האט זיך נישט אפגעהאקט די לעקטער קיין איינמאל.

### מרדכי אהרן היילפרין

א) איך האב פראבירט צו אריינלייגן א טשעק אין באנק דורך די טעלעפאון אבער ס'איז נישט געגאנגען, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ס'זאל גיין, גלייך נאכ'ן בעטן דעם אייבערשטן האט עס געארבעט. שכח אייבערשטער!

ב) ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט באזוכט אין שטעטל מאנטאג תרומה האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין זון נתנאל נ"י זאל אנקומען אין בית המדרש מיטצוהאלטן ווען דער ראש ישיבה איז דא, שכח אייבערשטער ער איז אנגעקומען, אינמיטן איז ער ארויסגעגאנגען שפילן אינדרויסן, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן ער זאל צוריק אריינקומען, שכח אייבערשטער ער איז צוריק אריינגעקומען.

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב
פאר אונזער געטרייע באליבטע חבר
**החתן אהרן לונגער הי"ו**
צו זיין חתונה בשעה טובה ומוצלחת
דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קיימא און א בנין עד, אלע גוטע זאכן וואס ער האט געטוהן פאר'ן שטעטל ביז היינט זאל אים באגלייטן אויף אייביג.

## נייעס אין שטעטל

### קרית ברסלב גראסערי

אט אט איז שוין די גראסערי א פאקט.

עס קומט אריין די גוטע נייעס אז ס'איז שוין ברוך השם אנגעקומען אלע שעלווס פאר'ן גראסערי, יעצט ארבעט מען עס אויפצושטעלן אויף דעם בעסטן וועג ס'זאל זיין גוט פאר די איינקויפערס.

אזוי אויך איז אנגעקומען די קאמפיוטערס, וואס וועט זיין אהערגעשטעלט צו קענען אליין רעכענען די ארדערס.

עס איז געווארן אינסטאלירט ביים טיר א עלעקטראנישער נומער שלאס וואס וועט ערמעגליכן אריינגיין איינקויפן אפילו אין די שפעטע שעות.

מען האט שוין אנגעהויבן איינקויפן די פראדוקטן פאר'ן גראסערי, וואס דאס נעמט אריין אין זיך גאר אסאך קאפ און מוח צו וויסן וואס צו קויפן, און וויפיל צו קויפן פון יעדע פראדוקט.

מען ארבעט זייער שווער צו קענען האבן דעם גראסערי אפען גלייך נאך יום טוב פורים, כדי מען זאל קענען אנהייבן איינקויפן אלע פראדוקטן פאר'ן יום טוב פסח.

עס איז שווער אויסצורעכענען אין אנהייב וויפיל ס'וועט זיך פארקויפן פון יעדע פראדוקט, דאס וועט נעמען א שטיק צייט ווילאנג מען וועט ארויסהאבן קלאר דעם בילד וויפיל עס פארקויפט זיך, מען האפט דער עולם וועט האבן פארשטענדעניש.

די אייגנטומער פונעם גראסערי וועט אלץ זיין גרייט צו הערן פונעם עולם וואס מען קען שענער און בעסער מאכן דאס איינקויפן אין גראסערי.

### באזאר נייעס

אפאר וואכן פאר דעם יום טוב פורים האט מען אנגעהויבן ארבעטן צו אהערשטעלן דעם באזאר מיט פורים פארשטעלאכטס, מיט דעם איין ציל צו שפארן אידיש געלט פאר די חשובע איינוואוינער, מען האט ארום געגרופן אפאר געשעפטן פרעגן אויב זיי האבן שיינע פורים זאכן אוועקצוגעבן, אבער ס'האט זיך נישט אויסגעארבעט צו טרעפן פורים זאכן וואס מען דארף.

אבער דער אייבערשטער פארלאזט נישט, איינס פון די געשעפטן האט געהאט אסאך שיינע פורים זאכן וואס זיי האבן נישט געדארפט און דער אייבערשטער האט געפירט אז אין יענעם געשעפט האט געארבעט א מאמע פון איינע פון די איינוואוינער, די מאמע האט געמאכט זיכער אז די געשעפט אייגנטומער זאל דאס נישט ארויסווארפן, שנעל האט מען געשיקט איינעם עס אויפצופיקן און ברענגען אין שטעטל.

# א ברייוו פון דעם ראש ישיבה שליט"א

**בעזרת ה' יתברך - יום ד' פרשת תצוה, ו' אדר, שנת תשע"ח לפרט קטן**

**לכבוד ... נרו יאיר**

מיר דארפן דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר ווייסן פון הייליגן רבי'ן; וואס וואלטן מיר געטון אן דעם רבי'ן? ווי אזוי וואלטן מיר זיך אן עצה געגעבן אן דעם הייליגן רבינ'ס עצות? דער רבי איז אונז מחיה און מחזק אז מיר זאלן קיינמאל נישט אויפגעבן און מיר זאלן זיך שטענדיג צוריקקערן צום אייבערשטן.

בפרט אז מיר האבן זוכה געווען אז **מוהרא"ש זכרונו לברכה האט אונז איבערגעלאזט אזויפיל ספרים פיל מיט חיזוק און עצות פאר יעדן מענטש אין יעדע מצב;** דארפן מיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר זענען נישט קיין חולקים אויפן רבי'ן און אויף זיינע תלמידים.

ועל כולם דארפן מיר דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אז מיר האבן זוכה געווען צו האבן **א חדר און א מיידל סקול פאר אונזערע קינדער** וואו מען איז זיי מחנך פון קינדווייז אן אזוי ווי דער רבי האט געוואלט. עס איז באוואוסט די מעשה, אז איינמאל ווען ר' יודל פון דאשיב זכותו יגן עלינו - איינער פון די גרויסע תלמידים פון רבי'ן - איז געקומען צום רבי'ן אויף ראש השנה האט זיין זון זייער שטארק געוואלט מיט קומען, אבער ר' יודל האט געהאט גוטע תירוצים פארוואס ער זאל אים נישט מיט נעמען, **'ער איז נאך צו יונג'** - האט ר' יודל גע'טענה'ט, עס איז זייער שווער די וועג וכו' און ער האט נישט קיין געלט. ווען ער איז אריין געקומען צום רבי'ן געבן שלום - דער רבי האט דאך אלעס געזען און אלעס געוואוסט - נאך פאר ער האט געהאט א שאנס צו רעדן א ווארט רופט זיך דער רבי אן צו אים: "איך בין א וואונדער; דער טאטע קומט צו מיר ווייל ער גלייבט אין מיר און דער זון גלייבט אויך אין מיר, פון דעסטוועגן האלט דער טאטע אפ דעם זון פון קומען צו מיר"; זעט מען אז דער רבי האט געוואלט מען זאל מחנך זיין די קינדער פון קינדווייז אן צו לעבן מיט זיינע עצות.

דער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן, סימן רט): **"אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מ וֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גֶעטוֹן"** און ר' נתן שרייבט (שם): **וְאָמַר בְּרֶתֶת וְזִיעַ בְּהִתְלַהֲבוּת נוֹרָא,** דער רבי האט דאס געזאגט מיט א מורא'דיגע פלאם און מיט א פלאקער; אז מיר זאלן זאגן פאר אונזערע קינדער אז עס איז דא א רבי אויף דער וועלט וואס פארשטייט יעדן איד און ווער עס פאלגט זיינע עצות קען זוכה זיין צו ווערן א גרויסער צדיק און א גרויסער בעל מדריגה, אזוי ווי דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שנח): "מיט יעדע שמועס וואס איך שמועס מיט ענק, קען מען זוכה זיין צו זיין אן ערליכער איד, און אפילו א צדיק גמור א גאנץ לעבן (אן ערליכער איד אזוי ווי איך מיין אן ערליכער איד)", נאך האט דער רבי געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שכ): **"כָּל מִי שֶׁיְּצַיֵּת אוֹתִי וִיקַיֵּם כָּל מַה שֶּׁאֲנִי מְצַוֶּה, בְּוַדַּאי יִהְיֶה צַדִּיק גָּדוֹל יִהְיֶה מַה שֶּׁיִּהְיֶה",** ווער עס וועט מיר פאלגן און טון אלעס וואס איך הייס וועט זיכער ווערן א גרויסער צדיק, זאל עס זיין ווער עס זאל נאר זיין.

וואו אויף דער וועלט זעט מען אז **קליינע קינדער וואקסן אויף מיט א ריינע לויטערע אמונה;** געלויבט דעם אייבערשטן אז ביי אונז וואקסן די קינדער אויף מיטן הייליגן רבי'ן, זיי ווייסן וואס דער רבי וויל און וואס זיי ווילן פון רבי'ן. דער רבי האט געזאגט (חיי מוהר"ן, סימן שלה): **"הַאִם לֹא הָיִיתִי יָכוֹל לִהְיוֹת מְפֻרְסָם וּמַנְהִיג שֶׁקּוֹרִין (גוּטֶער יוּד) כְּמוֹ כָּל הַמַּנְהִיגִים שֶׁנּוֹסְעִים הַחֲסִידִים אֲלֵיהֶם וְאֵינָם יוֹדְעִים עַל מָה נוֹסְעִים, וְחוֹזְרִים וְשָׁבִים וּבָאִים וְאֵינָם יוֹדְעִים מַה בָּאִים?!"** וואלט איך נישט געקענט זיין ווי אנדערע רבי'ס וואס די חסידים קומען צו זיי און ווייסן נישט פארוואס זיי קומען און ווען זיי גייען אהיים מיט ליידיגע הענט און קומען נאכאמאל צוריק ווייסן זיי נאכאמאל נישט פארוואס זיי זענען געקומען, **"אֲבָל אֲנִי לֹא רָצִיתִי בְּכָל זֶה, רַק לָקַחְתִּי עַצְמִי לַעֲסֹק בָּזֶה לְהַחֲזִיר אֶתְכֶם לְמוּטָב",** איך האב דאס נישט געוואלט, נאר איך האב אלעס אוועק געגעבן אבי איר זאלט זיין גוטע אידן.

דאס זעט מען ממש בחוש ביים רבי'ן; **שטעל אפ א קינד און פרעג אים:** "אינגעלע, וואסערע חסיד ביסטו?" און ווען ער וועט דיר ענטפערן: "איך בין א ... חסיד", פרעג אים: "זאג מיר, וואס געבט דיר דיין רבי? וואס באקומסטו פון אים וכו'?" וועט ער קוקן אויף דיר ווי דער האן קוקט אין די בני אדם. און אפילו דו וועסט אפשטעלן עלטערע קינדער, א בחור צו א מיידל און זיי פרעגן: "וואס באקומסטו פון דיין רבי'ן, וואס האסטו פון דיין וכו'?" וועלן זיי נישט האבן דאס מינדעסטע אנונג פון וואס דו רעדסט.

נאכדעם נעם א קינד וואס לערנט ביים רבי'ן און פרעג אים: "זאג מיר, וואס געבט דיר דער הייליגער רבי, וואס באקומסטו ביים רבי'ן?" וועט ער דיר גלייך ענטפערן: **"דער רבי לערנט מיר אויס אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט";** "דער רבי לערנט מיר אויס אז מען זאל נישט נאכלויפן קיין מענטשן", "מען זאל לערנען די הייליגע תורה" וכו'.

נעכטן בין איך געווען ביי א סיום, די קינדער פון די עלטסטע קלאס האבן מיר גערופן צו א סיום. א אינגל האט מסיים געווען די פערטע מאל ששה סדרי משנה און אויך מסכת סוכה פון תלמוד בבלי וואס ער לערנט אויף צו ענדיגן ש"ס כסדרן; איך האב געהאט אזא תענוג און נחת רוח צו זען ווי **קינדער וואקסן אויף מיטן הייליגן רבינ'ס עצות.** די גאנצע כתה, קינדער פון פאר די בר מצוה לערנען יעצט בגירסא מסכת מגילה, יעדן טאג אפאר בלאט. אז פורים זאלן זיי האבן געענדיגט מסכת מגילה לכבוד דעם יום טוב.

מוהרא"ש פלעגט זאגן בעפאר יעדע יום טוב, אז פונקט אזוי ווי א בעל הבית געבט פאר זיינע ארבעטער **א באנוס לכבוד יום טוב,** אזוי אויך דארפן מיר נעמען נאך א שיעור לכבוד יום טוב אלץ א באנוס; פאר פורים איז כדי צו לערנען מסכת מגילה, פאר פסח מסכת פסחים - און אזוי יעדע יום טוב. עס איז אן אנדערער יום טוב ווען מען לערנט די לימודים פונעם יום טוב. ווען מיר גייען הערן ליינען די הייליגע מגילה; אויב מען לערענט בעפאר דעם די גמרא און מדרש אויף די מגילה, איז עס אן אנדערע מגילה ליינען.

נעכטן זאגט מיר א אינגערמאן וואס שיקט די קינדער ביי אונז אין מוסד, אז ער זוכט א דירה וכו' און ער האט אהיים געברענגט די צעטלעך וואס דארט שטייען אויסגערעכנט אלע דירות וואס זענען עוועילעבל אויפן מארקעט וכו'. פרעגט אים זיין זון, א כתה א' אינגל: "טאטע, וואס איז די צעטל וואס דו קוקסט?" זאגט ער פאר זיין קינד: "דא קען מען טרעפן דירות"; רופט זיך אן זיין קינד צו אים: **"טאטע, דא טרעפט מען נישט קיין דירה, אויב מען בעט דעם אייבערשטן טרעפט מען א דירה!"** וואו אין די וועלט הערט מען אזעלכע מעשיות פון קליינע קינדער?!

חכמינו זכרונם לברכה דערציילן (ברכות מח.): אביי און רבא ווען זיי זענען נאך געווען קליינע קינדער זענען זיי אמאל געזעצן פאר רבה, האט זיי רבה געפרעגט: **"לְמִי מְבָרְכִין",** ווען מיר בענטשן ברכת המזון, צו וועמען בענטשן מיר? האבן זיי געענטפערט: **"לְרַחֲמָנָא",** צום אייבערשטן. האט רבה זיי ווייטער געפרעגט: **"וְרַחֲמָנָא הֵיכָא יָתֵיב"** וואו וואוינט דער אייבערשטער? **"רָבָא אַחֲוֵי לִשְׁמֵי טְלָלָא",** רבא האט געוויזן אויפן דאך, **"אַבַּיֵי נְפַק לְבָרָא, אַחֲוֵי כְּלַפֵּי שְׁמַיָּא"** אביי איז ארויס אויפן גאס און געוויזן אויפן הימל. האט רבה זיי געזאגט: **"תַּרְוַיְיכוּ רַבָּנָן הָוִיתוּ",** ביידע פון אייך וועלן אויסוואקסן גרויסע צדיקים. דאס איז די שפריך ווארט וואס מענטשן דרוקן זיך אויס: **"בּוֹצִין בּוֹצִין מִקְטַפֵּיהּ יְדִיעַ"** - מען קען זען אויף פירות ווען זיי זענען נאך גאר קליין צי דאס גייט אויסקומען א גוטע פרוכט; אז קליינע קינדער ווייסן שוין אז מען בענטשט צום אייבערשטן וועלן זיי זיכער אויסוואקסן ערליכע אידן.

**עס איז נאך נישט געווען אין די היסטאריע פון ברסלב אז קינדער זאלן זיך נישט שעמען צו גיין הפצה;** ווער רעדט נאך פון מיידלעך, אז אלע מיידלעך וואקסן אויף מיטן רבי'ן און זיי ווילן נאר טון וואס דער רבי הייסט. מיידלעך פון סקול שרייבן מיר בריוו וואו זיי פרעגן יעדע פרט ופרט בתמימות ובפשיטות, זיי ווילן זיין ערליכע מיידלעך וכו'.

אפשר האלטן מיר שוין ביי דעם וואס דער רבי זאגט (ספר המידות, אות משיח, חלק ב', סימן ג): **"עָתִיד דּוֹר אֶחָד שֶׁיִּהְיֶה בָּעוֹלָם, שֶׁיִּהְיֶה כֻּלּוֹ זַכַּאי"; עס קומט א נייע דור וואס וועלן לעבן מיטן אייבערשטן, רעדן צום אייבערשטן, גיין הפצה און חתונה האבן יונג בקדושה ובטהרה;** אשרינו און פארט אשרינו!

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**


**א) דער הייליגע רבי האט געזאגט פאר רבי נתן: שושן פורים איז _ _ _?**

**ב) מצה איז א עסן פון _ _ _?**




דער געוואונער פון פאריגע וואך איז חיה וועבערמאן תחי'
תלמידה בית פיגא קרית ברסלב ליבערטי

שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

**ענטפערס פון פאריגע וואך**

א) פורים תשס"ז ביי מוהרא"ש אין בית המדרש
ב) בענטשן אין א בענטשער איז א סגולה פאר עשירות



קרית ברסלב פלעי גרופ
צו איינשרייבן א קינד
רופט מרת יאקאבאוויטש תחי'
646-771-6936


**פורים תשס"ז**




PLUMBING SERVICES
פאר א פראפעסיאנאלע דזשאב
רופט אליעזר שטן
917-202-1206